**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דערקלערנדיג אקטאבער ׳דיסאביליטי עמפלוימענט באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳**

***פראקלאמאציע ברענגט באוואוסטזיניגקייט צו דיסאביליטי באשעפטיגונג און האלטן אן ווייטער ניו יארק׳ס לאנג-יעריגע איבערגעגעבנקייט צו ארבעטער מיט דיסאביליטיס***

***פראקלאמאציע קען מען געפונען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) דערקלערנדיג אקטאבער אלס ׳דיסאביליטי עמפלוימענט באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳. ניו יארק סטעיט האט א לאנגיעריגער אנטשלאסנקייט צו שטיצן ארייננעמיגע ארבעטס-פלעצער און האט איינגעפירט אינאווירנדע לייזונגען צו פארזיכערן אז דיסעיבעלד ארבעטער האבן בעסער צוטריט צו פינאנציעלע, געזונטהייט, און באשעפטיגונג סיסטעמס. די איניציאטיוון האבן באפולמעכטיגט דיסעיבעלד ארבעטער צו זוכן פינאנציעלע זעלבסטשטענדיגקייט דורך עמפלוימענט, וואס האט דערנאך רעדוצירט אנעמפלוימענט און ארעמקייט אין דער דיסעיבעלד קאמיוניטי.

"ניו יארק סטעיט איז פארשפראכן צו פארזיכערן אז אירע דיסעיבעלד ארבעטער האבן גלייכבארעכטיגטע געלעגנהייטן און זענען געשטיצט אין דער ארבעטספלאץ און ווייטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען פארשפראכן זיכער צו מאכן אז די מיט דיסאביליטיס ווערן קיינמאל נישט פארזעהן, און אז זיי האבן יושר׳דיגע און הויכע-קוואליטעט באשעפטיגונג אפציעס אין דעם סטעיט. לאמיר אנערקענען אונזערע דיסעיבעלד ארבעטער דעם חודש און אלץ וואס זיי ביישטייערן און טוהען יעדן טאג."

דורכאויס דער פאנדעמיע האט ניו יארק סטעיט ווייטער אנגעהאלטן איר ארבעט צו שטיצן דיסעיבעלד ארבעטער, ארייננגערעכנט די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך קאוויד-19 און נאוויגירן די לאנג-טערמיניגע ווירקונגען פון דעם ווירוס.

ניו יארק האט אויך געארבעט צו שטיצן די דיסעיבעלד קאמיוניטי דורך דער ׳עמפלוימענט פוירסט׳, וועלכס ארבעט צו רעדוצירן ארעמקייט און העכערן באשעפטיגונג פאר די דיסעיבעלד קאמיוניטי דורך רעגיסטרירט ביזנעסער צו האבן עמטליכע פאליסיס ארייננצורעכנען דיסעיבעלד מענטשן.

אין צוגאב האט גאווערנער האקול לעצטנס אנאנסירט צוגענגליכע אונטערהאלט האוזינג פראיעקטן אין שטעט ווי ברוקלין און באפעלאו. די דאזיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אנטהאלטן אונטערהאלט סערוויסעס פאר די מיט פיזישע און גייסטישע דיסאביליטיס, וועלכס האט זיי ערמעגליכט צו האבן א צוגענגליכע פלאץ צו וואוינען, און בעסערע צוטריט צו די דיסאביליטי סערוויסעס אין וואס זיי נויטיגן זיך.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן